בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

**דֶער קוּנְטְרֵס וַוייזְט דִי וֶועג פַאר בָּחוּרִים וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים, אוּן צוּ וִויסְן אַז דִי אֶמֶת'ע בֵּין הַזְמַנִים אִיז נָאר בֵּין מִיתָה לִקְבוּרָה.**

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "בֵּין הַזְמַנִים" פוּן

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אָרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב - ווילִיאַמסבורג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

### א.

מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן; בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי "בֵּין הַזְמַנִים". וֵוייל פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן אַלֶע עוֹלָמוֹת? נָאר כְּדֵי אַז דֶער מֶענְטְש וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל מְקַיֵים זֵיין דִי מִצְוֹת אוּן

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

לֶערְנֶען זַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַשְׁפִּיעַ שֶׁפַע פַאר אַלֶע עוֹלָמוֹת. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט שַׁיָיך אַזַא זַאךְ וִוי מְבַטֵל זַיין דִי צַייט, וֶוייל יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶער טָאג וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן צוּלִיבּ אַ גֶעוִויסֶע בַּאשְׁטִימְטֶע תַּכְלִית וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְהוֹילְן פוּן דֶעם מֶענְטְשְׁנְ׳ס אוֹיג, אוּן עֶר הָאט עֶס בַּאשַׁאפְן פַאר אוּנְז דַיְיקָא וָואס מִיר לֶעבְּן יֶעצְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר לִיגְט אוֹיף אוּנְז אַ פְלִיכְט צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא אוּן מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת אוּן לֶערְנֶען זַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אַ יֶעדְן טָאג, וָואס דִי תּוֹרָה דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען בֵּיי יִרְאֵי הַשֵּׁם בִּכְלַל נִישְׁט גוֹרֵס גֶעוֶוען דֶעם מוּשָׂג פוּן ״בֵּין הַזְמַנִים״.

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

וַוייל דָאס עִנְיָן פוּן ״בֵּין הַזְמַנִים״ דָאס אִיז נָאר דָא אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, צְוִוישְׁן דָאס שְׁטַארְבְּן אוּן בַּאעֶרְדִיגְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט נֶעמְט מֶען אִים אַרָאפּ פוּן זַיין בֶּעט אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן דָארְטְן לִיגְט עֶר בִּיז דִי חֶבְרָה קַדִישָׁה קוּמֶען אָן אוּן פָּארֶען זִיך מִיט אִים אוּן מַאכְן אִים דִי טַהֲרָה אוּן טוֹבְלֶ׳ן אִים. אוּן דֶערְנָאך מַאכְט מֶען דִי לְוָיָא אוּן מֶען זָאגְט אוֹיף אִים הֶסְפֵּדִים אוּן מֶען טְרָאגְט אִים צוּ דִי בֵּית הַקְבָרוֹת, אוּן דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט מֶען אִים אוּן עֶר בְּלֵייבְּט דָארְטְן אִיבֶּער אַלֵיינְס. אוּן דָאס אִיז דִי צֵייט וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״בֵּין הַזְמַנִים״, דָאס הֵייסְט: פוּן נָאכְ׳ן שְׁטַארְבְּן בִּיזְ׳ן בַּאעֶרְדִיגְן דִי צֵייט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״בֵּין הַזְמַנִים״. אוּן דֶער אַרִיזַ״ל שְׁרֵייבְּט, אַז בְּשַׁעַת דִי בֵּין הַזְמַנִים פוּן צְוִוישְׁן דָאס שְׁטַארְבְּן אוּן בַּאעֶרְדִיגְן דַארְף מֶען זִיך

אוֹיךְ זֵייעֶר צוּאֵיילְן אוּן נִישְׁט לָאזְן זוֹימֶען דִי סֵדֶר הַלְוָיָא, וֵוייל אִין דֶעם זְמַן ווילְן זיךְ דִי חִיצוֹנִים זֵייעֶר אָנְכַאפְּן אִין דֶעם נִפְטָר. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זיךְ זֵייעֶר צוּאֵיילְן נִישְׁט צוּ לָאזְן זוֹימֶען דִי סֵדֶר הַלְוָיָא, כְּדֵי דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זיךְ חַס וְחָלִילָה נִישְׁט אָנְכַאפְּן אִין דֶעם נִפְטָר. זֶעסְטוּ דָאךְ, מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן; אַז אַפִילוּ בֵּיי אַ מֵת אוּן אַ נִפְטָר דַארְף מֶען זיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר צוּאֵיילְן נִישְׁט צוּ לָאזְן זוֹימֶען אַסַאךְ צֵייט, אוּן דֶערְפַאר אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי "בֵּין הַזְמַנִים".

וֵוייל בְּאֶמֶת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַרֵיינְטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶעהְן אַז צֵייט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ וֵוייל אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַ מֶענְטְשׁ קוֹיפְן אָבֶּער צֵייט דָאס קֶען אַ מֶענְטְשׁ בְּשׁוּם אוֹפְן נִישְׁט קוֹיפְן. אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פַארְלוֹירְן זֵיין גֶעלְט קֶען עֶר עֶס נָאךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען אָבֶּער מִיט צֵייט אִיז נִישְׁט

אַזוֹי, נָאר אִין דִי רֶגַע וָואס אַ מֶענְטְש הָאט פַארְלוֹירְן זֵיין צֵייט וֶועט עֶר עֶס שׁוֹין קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען. אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְש זֵייעֶר הִיטְן אוֹיף זֵיין צֵייט. בִּפְרַט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר׳ל, וָואס הָאט אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע אָנְצוּבְּרֶענְגֶען זֵיין צֵייט אוּן דוּרְך דֶעם וָואס מְ׳בְּרֶענְגְט אָן דִי צֵייט קוּמְט מֶען צוּ נָאכְדֶעם, צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַזוֹי אוֹיך אַלֶע מְשִׁיגַעתְ׳ן אוּן נַארִישְׁקֵייטְן נֶעמֶען זִיך נָאר פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְש אִיז מְבַטֵל זֵיין צֵייט, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, (כְּתֻבּוֹת נ״ט.) ״הַבַּטָלָה מְבִיאָה לִידֵי זִימָה, הַבַּטָלָה מֵבִיא לִידֵי שִׁעֲמוּם״. ״דָאס אָנְבְּרֶענְגֶען דִי צֵייט בְּרֶענְגְט צוּ דֶעם מֶענְטְש צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אִין אִיז גוֹרֵם אַז עֶר זָאל וֶוערְן מְשׁוּגָע״. וֵוייל אַז אַ מֶענְטְש וֵוייסְט נִישְׁט וָואס

צוּ טוּהן מִיט זַיין טַייעֶרֶע צַייט וֶועְרט עֶר מַמָּשׁ מְשׁוּגָע.

דֶערִיבֶּער זֶעה אַיין, מַיין טַייעֶרֶע לִיבֶּער זוּהן! אַז ס'אִיז פָּשׁוּט אַ שָׁאד אוֹיף דִי טַייעֶרֶע צַייט וּבִפְרַט יֶעצְט אִין "דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים" דַארְפְסְטוּ צוּ וִויסְן אַז בַּיי יִרְאֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט גֶעוָוארְן אַזַא זַאךְ וִוי "בֵּין הַזְמַנִים" נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט אִין דִי טֶעג פוּן דִי דָאזִיגֶע צְוֵויי חֳדָשִׁים נִיסָן אוּן תִּשְׁרֵי דַארְף מֶען מֶער אוּן מֶער נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חלק א' סִימָן מ"ט) אַז דִי טֶעג פוּן נִיסָן אוּן תִּשְׁרֵי זֶענֶען טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה. דִי טֶעג פוּן נִיסָן זֶענֶען טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה מ'טוּט תְּשׁוּבָה פוּן לִיבְּשַׁאפְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן דִי טֶעג פוּן תִּשְׁרֵי זֶענֶען טֶעג פוּן

תְּשׁוּבָה מִיִרְאָה, וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה פַאר גְרוֹיס מוֹרָא פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען אִין דִי צְוֵויי חֲדָשִׁים אַסַאך מֶער הִיטְן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צֵייט, אוּן נֶעם דִיר אַרוֹיס פוּן דֵיין קָאפּ אַז ס'אִיז דָא אַזַא מִין זַאך ווִי "בֵּין הַזְמַנִים", אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁטַארְק הִיטְן אוֹיף דֵיין טֵייעֶרֶע צֵייט אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג דַאן וֶועסְטוּ גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זֵיין.

## ב.

## דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן

מֵיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער זוּהן! אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וָואס רוּפְן זִיך אִין דִי יְשִׁיבִישֶׁע וֶועלְט "בֵּין הַזְמַנִים" דַארְף מֶען גָאר שְׁטַארְק נִזְהָר זֵיין צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן. וֵוייל אִין אֶמֶת'ן דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַגַאנְץ יָאר זֵיין

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

נִזְהָר צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וֵוייל חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) אֵימָתַי הוּא עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְלִין – וֶוען קוּמְט פָאר אַן עֵת רָצוֹן אִין הִימְל? וֶוען ס'דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען אַ צִבּוּר אִידְן! וֵוייל אַז מְ'דַאוֶוענְט צוּזַאמֶען מִיט אַ צִבּוּר אִידְן גֵייט דִי תְּפִלָּה אַרוֹיף אוּן ס'שְׁפַּאלְט אַלֶע הִימְלֶען. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט אוֹיךְ ״אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא״ אוּן ״בָּרְכוּ״ אוּן ״קְדֻשָּׁה״ וָואס חַזַ״ל הָאבְּן זֵייעֶר מַפְלִיג גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲלֶה פוּן עֶנְטְפֶערְן אָמֵן! עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ט:) כָּל הָעוֹנֶה אָמֵן בְּכָל כּוֹחוֹ, פּוֹתְחִים לוֹ שַׁעֲרֵי גַן עֵדֶן – אַז אַ מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט אָמֵן מִיט זַיין גַאנְצְן כֹּחַ עֶפֶענְט מֶען אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן אוּנְזֶערֶע חַזַ״ל (דְבָרִים רַבָּה פַּרְשָׁה ז׳ סִימָן א׳). אַז, אַ יֶעדֶער וָואס עֶנְטְפֶערְט אָמֵן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן לְעָתִיד לָבֹא.

און נָאך הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קיט:) אַז כָּל הָעוֹנֶה ׳אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה׳, בְּכָל כּוֹחוֹ אֲפִילוּ נִגְזַר עָלָיו גְזַר דִין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנִים, קוֹרְעִים לוֹ גְזַר דִינוֹ - אַז אַ מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה מִיט זַיין גַאנְצְן כֹּחַ, אַפִילוּ אוֹיבּ סְ׳אִיז אוֹיף אִים חָלִילָה וְחַס נִגְזָר גֶעוָוארְן אַ גְזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר צוּרֵייסְט מֶען אִים זַיין גְזַר דִין. זֶעהְן מִיר פוּן דֶעם ווִי טֵייעֶר סְ׳אִיז צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וּבִפְרַט אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן און תִּשְׁרֵי וָואס יֶעצְט זֶענֶען דִי הִימְלֶען אַסַאך מֶער אָפֶען פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

דֶערִיבֶּער זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן, זַייעֶר נִזְהָר צוּ זַיין צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אַ יֶעדְן טָאג, און חֲכָמֵינוּ זַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אֵיכָה פַּרְשָׁה ג׳ סִימָן ג׳) צוּ וָואס אִיז גֶעגְלִיכְנְט אֵיינֶער וָואס דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן? צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ קְרוֹין פַּארְן קֶענִיג

אוּן ס'אִיז גֶעקוּמֶען אַן עָנִי אוּן הָאט צוּגֶעלֵייגְט זַיין חֵלֶק צוּ דֶעם, וָואס זָאגְט דֶער מֶלֶךְ? צוּלִיבּ דֶעם עָנִי וֶועל אִיךְ דָאס אָנְנֶעמֶען! אוּן גְלֵייךְ נֶעמְט עֶס טַאקֶע דֶער קֶענִיג אָן, וְכוּ'. אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד פַּאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִין דִי יֶעצְטִיגֶע "בֵּין הַזְמַנִים טֶעג" אַז עֶר זָאל אוֹיפְשְטֵיין פְּרִי אוּן גֵיין אִין שוּהל אוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דֵייקָא, נִישְט אַזוֹי וִוי דִי פוֹילֶע בָּחוּרִים וָואס טְרַאכְטְן אַז דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג זֶענֶען פְרֵייעֶ טֶעג, וֵוייל פְרֵייעֶ טֶעג דָאס אִיז נָאר נָאכְן שְטַארְבְּן, אַזוֹי וִוי חַכָמֵינוּ זַ"ל זָאגְן (שַבָּת קנ"א:) כֵּיוָן שֶׁמֵת אָדָם נַעֲשֶׂה חָפְשִׁי מִן הַמִצְווֹת - וִוי נָאר אַ מֶענְטְש וֶוערְט נִפְטָר פוּן דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶר גְלֵייךְ פְרֵיי פוּן אַלֶע מִצְווֹת, אוּן וֶועגְן דֶעם קוּמְט בִּכְלַל נִישְט אִין בַּאטְרַכְט אַזַא זַאךְ וִוי פְרֵייעֶ צֵייט.

וּבִפְרַט אִין דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע חֲדָשִׁים פוּן נִיסָן אוּן תִּשְׁרֵי וָואס זֵיי זֶענֶען טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה. דִי יְמֵי נִיסָן זֶענֶען טֶעג וָואס מֶען טוּט "תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה" פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן אוּנְז וֵוייזְן אַז מִיר הָאבְּן לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶען רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם הוֹיז פוּן אַלֶע מִינֵי חָמֵץ פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶענְס אוּן פוּן דִי לֶעכֶער אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ צוּ עֶסְן דֶעם מַצָה, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵז אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִינְטֶערְזִיכְן דִי שְׁפַּאלְטֶענְס אוּן דִי לֶעכֶער פוּן זַיין הַארְץ אוּן פוּן זַיינֶע אֵבָרִים, אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אִים. אוּן מִיר גְרֵייטן זִיךְ צוּ צוּ עֶסְן דֶעם "מַצָה" וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע אוּן דֶערְהוֹיבֶּענֶע מוֹחִין, וֵוייל "מַצָה" דָאס אִיז אַ מַאֲכָל פוּן אֱמוּנָה; וֵוייל פַארְוָואס עֶסְן מִיר דֶען מַצָה? וֵוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ

עֶסְן מַצָה! אוּן דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְש עֶסְט מַצָה אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי אֶמוּנָה הַקְדוֹשָׁה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא. אוּן דֶערִיבֶּער וֶוערְן דִי טֶעג פוּן נִיסָן אָנְגֶערוּפְן "טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה" וַוייל מִיר טוּעֶן דִי אַלֶע זַאכְן מַחֲמַת גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אוּן נִישְׁט צוּלִיב אַן עוֹל.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי טֶעג פוּן תִּשְׁרֵי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה מִיִרְאָה" וַוייל אִין רֹאשׁ הַשָׁנָה עֶפְנְט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל דֶעם סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת, אוּן מֶען אִיז זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹנֵן אִין דֶעם, אוּן מֶען קוּקְט אַדוּרְךְ אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט אָפְּגֶעטוּהן אַ גַאנְץ יָאר אוּן מֶען אִיז אִים דַן צוּם לֶעבְּן אָדֶער צוּם טוֹיט, צוּ מִיט חֲנִיקָה צוּ מִיט שְׂרֵיפָה, צוּ מִיט הֲרִיגָה צוּ מִיט סְקִילָה. אוּן דֶערִיבֶּער וֶוערְן דִי טֶעג אָנְגֶערוּפְן טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה מִיִרְאָה, וַוייל אִין דִי טֶעג זֶענֶען דִי סְפָרִים, [דִי

סִפְרֵי חַיִים און דִי סִפְרֵי מֵתִים] אָפְּן, און מְ׳אִיז דַן דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶס וֶועט זֵיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, און דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זֵיין אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צְוֵויי חֲדָשִׁים צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וַוייל יֶעצְט אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל און הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִיז מְקַבֵּל זֵיין תְּשׁוּבָה.

ג.

## זֵיין מְסֻדָּר

מֵיין טֵייעֶרעֶר לִיבֶּער זוהן! כָאטְשׁ דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַגַאנְץ יָאר אִין יְשִׁיבָה אַ מְסוּדֶרְ׳דִיגְן סֵדֶר, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט ״בֵּין הַזְמַנִים״ זֶעהְעֶן מִיר בְּדֶרֶךְ כְּלָל אַז אַ יוּנְגֶער בָּחוּר לָאזְט זִיךְ נָאךְ פוּן זֵיינֶע סְדָרִים און עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן אַ סֵדֶר. עֶר שְׁטֵייט אוֹיף וֶוען עֶר וִויל, און גֵייט וִוי עֶר וִויל, און דְרֵייט זִיךְ מִיט

וֶועמֶען עֶר ווִיל, און עֶר טְרַאכְט צו זיך אַז דֶער הֵיינְטִיגֶער טָאג אִיז נִישְׁט קֵיין טָאג. און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז אַ יֶעדֶער טָאג בַּאזִינְדֶער אִיז אַ פַּארְמֶעגְן פַּאר זיך און אַ טָאג וָואס גֵייט פַּארְבֵּיי אִיז אַן אֵייבִּיגֶע פַּארְלוּסְט וָואס עֶר וֶועט שׁוין קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען. נָאר פַּארְקֶערְט עֶר טְרַאכְט אַז הֵיינְט אִיז נִישְׁט קֵיין טָאג. זָאלְסְטוּ אָבֶער ווִיסְן מֵיין לִיבֶּער זוּהן, אַז דֶער אֶמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי; נָאר אִין יֶעדְן טָאג קֶען מֶען מוֹרָאדִיג שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זֵיין אוֹיבּ מֶען זָאל נָאר ווִיסְן ווִיאַזוֹי עֶס אוֹיסְצוּנִיצְן. אָבֶער כְּדֵי מַצְלִיחַ צוּ זֵיין דַארְף מֶען הָאבְּן אַ סֵדֶר, וֵוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְסוּדָר אִין אַלֶע זֵיינֶע עִנְיָנִים אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין זֵיין לֶעבְּן. און פַּארְקֶערְט זֶעהְט מֶען אוֹיךְ אַז אַלֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נֶעמְט זיך נָאר פון דֶעם וָואס עֶר לֶעבְּט אָן אַ סֵדֶר. וָואס דָאס אִיז גֶעגְלִיכֶענְט

צוּ וֶוען עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר אוּן יֶעדֶער לוֹיפְט רַאטֶעוֶוען חֲפֵצִים פוּן דֶעם פֵייעֶר, נָאר מַחֲמַת גְרוֹיס בֶּהָלָה וָואס אַ יֶעדֶער אִיז אַזוֹי צוּמִישְׁט פוּן דֶעם פֵייעֶר בְּרֶענְגְט יֶעדֶער אַרוֹיס וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דֶער לוֹיפְט אַרֵיין אוּן בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַ בֶּעזִים אוּן דֶער בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַן אַמְפֶּער, אוּן דִי גָאלְד אוּן דִי זִילְבֶּער בְּלֵייבְּט אִיבֶּער אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן וֶוערְט דֶערְוֵוייל פַארְבְּרֶענְט. דִי זֶעלְבֶּע זַאך אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אָן אַ סֵדֶר פַארְפַּאטְשְׁקֶעט עֶר זֵיין צֵייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים אוּן כַאפְּט נָאר אַרוֹיס אַ בֶּעזִים מִיט אַן אַמְפֶּער, אָבֶּער דִי גָאלְד מִיט דִי זִילְבֶּער וֶוערְט פוּן אִים פַארְלוֹירְן. דְהַיינוּ דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה וָואס וֶוערְט צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים י״ט - י״א) ״הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפָּז רָב״, דָאס וֶוערְט פוּן אִים פַארְלוֹירְן. דֶערִיבֶּער זֶעה,

מֵיין טֵייעֶרער לִיבֶּער זוהן! זִיך מְסַדֵר צוּ זֵיין אַ רִיכְטִיגְן סֵדֶר כְּדֵי צוּ וִויסְן וְויאַזוֹי זִיך צוּ פִירְן אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, און אַזוֹי אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גֶעהֶעריגְן סֵדֶר אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, וֶועסְטוּ גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זֵיין, וֵוייל סְ'אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מַצְלִיחַ צוּ זֵיין נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אַ סֵדֶר.

און אַלְץ עֵצָה טוֹבָה אִיז כְּדַאי פַאר דִיךְ צוּ וִויסְן וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מְסַדֵר דֵיינֶע סְדָרִים אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וְויאַזוֹי דָאס מְסַדֵר צוּ זֵיין, אִיז אַז דִי זָאלְסְט צוּבִּינְדְן אַ יֶעדְן עִנְיָן צוּ אַ בַּאשְׁטִימְטֶע זְמַן, דָאס הֵייסְט: אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ סֵדֶר וָואס דוּ טוּהְסְט פַארְ'ן דַאוְוענֶען, און אַ סֵדֶר וָואס דוּ טוּהְסְט נָאכְן דַאוְוענֶען, אַ סֵדֶר אוֹיף פַארְמִיטָאג, און אַ סֵדֶר אוֹיף נָאכְמִיטָאג, און אַ סֵדֶר בֵּיינַאכְט. און אִין דִי רֶגַע וָואס דוּ וֶועסְט זֵיין מְסוּדָר וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. און אַזוֹי

# די טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

זֶעהְט מֶען אוֹיךְ בְּחוּש אַז דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן מִיט אַ סֵדֶר זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ אִין זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים.

אוּן דֶערְפַאר זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן! צוּ לֶעבְּן מִיט אַ סֵדֶר, אוּן אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט אַ סֵדֶר וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צֵייט קֶענֶען קוֹנֶה זַיין וָואס אַ צְוֵוייטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט קוֹנֶה זַיין אִין אַסַאךְ צֵייט. דֶערְפַאר אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ בֵּיי דִי יְשִׁיבוֹת "בֵּין הַזְמַנִים" אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְסַדֵר זַיין אַ פַּאסִיגְן סֵדֶר וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

## ד.

### טוּהן אַסאך מִצְווֹת

מֵיין טֵייעֶרער לִיבֶּער זוּהן! יֶעצְט אִין "די טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים" וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אָן די צֵייט מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט, אוּן מֶען דְרֵייט זִיך אַרוּם אִין אַלֶע גַאסְן אוּן מֶען פְּלוֹידֶערְט דְבָרִים בְּטֵלִים אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט, פַארְבְּרֶענְט מֶען די טֵייעֶרֶע צֵייט אוּן מֶען פַארְלִירְט דָאס גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דָאס גַאנְצֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מֶען הָאט זִיך אֵיינְגֶעקוֹיפְט אִין די וֶוענְט פוּן די יְשִׁיבָה אִין דֶעם דָאזִיגְן זְמַן – אַלֶעס וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט! דְהַיְינוּ אִין די יְמֵי נִיסָן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט דָאס גַאנְצֶע וִוינְטֶער זְמַן אוּן אִין די יְמֵי תִּשְׁרֵי וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט דָאס גַאנְצֶע זוּמֶער זְמַן, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אַפִילוּ אוֹיב דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט

דִי גַאנְצֶע ווינְטֶער זְמַן, און דִי גַאנְצֶע זוּמֶער זְמַן מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, און דוּ הָאסְט זִיך אֵיינְגֶעקוֹיפְט גוּטֶע מִידוֹת. אִיז אָבֶער לֵיידֶער אַזוֹי אַז ווִי נָאר עֶס קוּמְט אָן דֶער ״בֵּין הַזְמַנִים״ און מֶען דְרֵייט זִיך אַרוּם לֵיידִיג און מֶען טוּט גָארְנִישְׁט, וֶוערְט אַלֶעס פַארְבְּרֶענְט און מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. ווֵייל דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוֹיפְן, אָבֶער פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס זֵייעֶר גְרִינְג צוּ פַארְלִירְן. דֶערִיבֶּער אוֹיב דוּ ווִילְסְט אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג זִיך יָא אַבִּיסְל אָפְּרִיעֶן פון דִי שְׁוֶוערֶע עוֹל וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט אִין דִי ווינְטֶער און זִימֶער זְמַן, זֶעה כָאטְשֶׁע אַז דוּ זָאלְסְט זִיך אָפְּרִיעֶן מִיט טוּהן מִצְווֹת. ווֵייל אִין דִי טֶעג פון נִיסָן קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין גָאר אַסַאך מִצְווֹת. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: גֵיין בַּאקְן מַצוֹת אָדֶער הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים פַאר דִי טַאטֶע מַאמֶע אוֹיסְצוּרֵיינִיגֶן דֶעם חָמֵץ, ווִי עֶס

ווערט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, אַז פוּן דִי אַלֶע יְגִיעוֹת אוּן טִירְחוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֵיינִיגְט דֶעם חָמֵץ וֶוערְט בַּאשַׁאפְן פוּן דֶעם מַלְאָכִים, דֶערִיבֶּער אַנְשְׁטָאטְס אָנְצוּ'בַּטְלְן דִי צֵייט מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט, זֶעה צוּ הֶעלְפְן דֵיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיסְצוּרֵיינִיגֶן דֶעם חָמֵץ פוּן הוֹיז, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ דִיר בַּאשַׁאפְן מַלְאֲכֵי שְׁמִירָה, מַלְאָכִים וָואס הִיטְן דִיך אָפּ, וֵוייל דִי מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דֶעם וָואס מֶען רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם חָמֵץ פַאר פֶּסַח, דִי מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הִיטְן אִים אָפּ אַ גַאנְץ יָאר פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוּן אַזוֹי אוֹיך אִין דִי טֶעג פוּן תִּשְׁרֵי זֶעְה נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן בִּתְשׁוּבָה וָואס פוּן אַ יֶעדֶע קְלֵיינֶע הִתְעוֹרְרוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר בִּתְשׁוּבָה, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, וּבִפְרַט וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה

מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְווֹת וָואס זֶענֶען שַׁיָיך צוּ דִי דָאזִיגֶע טֶעג, לְמָשָׁל בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה אוּן קוֹיפְן דִי אַרְבָּעָה מִינִים, וָואס פוּן אַ יֶעדְן יְגִיעָה אוּן טִירְחֶה וָואס דֶער מֶענְטְש פְּלָאגְט זִיך אוּן שְׁטְרֶענְגְט זִיך אָן צוּ בּוֹיעֶן אוּן צוּ בַּאשֵׁיינֶען דֶעם סוּכָּה וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים אָפּ וֵוייל מִיט אַיֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ מֶענְטְש אִיז מְקַיֵים, בַּאשַׁאפְט עֶר זִיך מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים אָפּ. אוּן אַפִילוּ דֶער מֶענְטְש זֶעהְט זֵיי נִישְׁט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאך וֶועט נָאך קוּמֶען אַ טָאג אוּן אַ שָׁעָה אוּן אַ רֶגַע וָואס דֶער מֶענְטְש וֶועט זֵיי זֵייעֶר וִויכְטִיג דַארְפְן הָאבְּן [דִי מַלְאֲכֵי שְׁמִירָה וָואס עֶר הָאט זִיך בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מִצְווֹת.], אוּן אוֹיב אַ מֶענְטְש וָואלְט וֶוען גֶעוִויסְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְווֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, אוּן וָואסְפַארַא מַלְאֲכֵי

מַעֲלָה עֶר בַּאשַׁאפְט מִיט אַ יֶעדְן יְגִיעָה און טִירְחָה וָואס עֶר פְּלָאגְט זִיך אָן, סַיי מִיטְן אוֹיסְרֵיינִיגֶן דִי הוֹיז פון חָמֵץ לִכְבוֹד פֶּסַח און הֶעלְפְן דִי טַאטֶע מַאמֶע וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, און סַיי מִיטְן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה און עֶס שַׁיין צוּ מַאכְן און עֶס צוּ בַּאצִירְן, און סַיי מִיטְן זִיך אָנְשְׁטְרֶענְגֶן צוּ בַּאקוּמֶען דִי פִּיר מִינִים, וָואלְט עֶר זִיך וֶוען מוֹירֶעדִיג צוּגֶעפְּלֵייסְט מִיט דֶעם, וֵוייל מִיט אַ יֶעדְן פְּלָאג און טִירְחָה בַּאשַׁאפְט עֶר זִיך מַלְאָכִים.

און דִי זֶעלְבֶּע זַאך אִיז מִיט דִי יְמֵי נִיסָן וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאך צוּ גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, פַאר אָרִימֶעלֵייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, און דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מָעוֹת חִיטִים". וֵוייל עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן מַמָש גָארְנִישְׁט, און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קוֹיפְן קֵיין וֵויין

אוּן פְלֵייש אוֹיף פֶּסַח, אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגְן צוּ גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶעלֵייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח וֶועסְטוּ דִיר בַּאשַׁאפְן פוּן אַ יֶעדְן טְרִיט אוּן פוּן אַ יֶעדְן יְגִיעָה אוּן טִירְחָה הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין דִי טֶעג פוּן תִּשְׁרֵי, אַז מֶען גֵייט אוֹיף צְדָקָה פַאר דִי אָרִימֶעלֵייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף צָרְכֵי יוֹם טוֹב וֶוערְט בַּאשַׁאפְן פוּן אַ יֶעדְן טְרִיט אוּן פוּן אַיֶעדְן פְּלָאג אוּן טִירְחָה וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן מִיט דֶעם, "מַלְאֲכֵי שְׁמִירָה" וָואס הִיטְן אָפּ דֶעם מֶענְטְש. אוּן אַוַודַאי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶער מֶענְטְש וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס סְ'וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן אַיֶעדֶע מִצְוָה, וֵוייל דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן דִי מַלְאָכִים אִיז אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין דֶעם, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ

טָאג און אַ שָׁעָה און אַ רֶגַע וָואס דו וֶועסְט אַוֶועק גֵיין פון דֶער וֶועלְט און דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסְפַארַא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים דו הָאסְט זיך בַּאשַׁאפְן מִיט אַ יֶעדֶע יְגִיעָה און טִירְחָה, און דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ חַרָטָה הָאבְּן "פַארְוָואס הָאבּ אִיך נִישְׁט גֶעטוּהן מֶער און מֶער"? וּבִפְרַט בֵּיי אונְזֶערֶע לֵייט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב וָואס מֶען וֵוייסְט דִי גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת פון סִפְרֵי רַבֵּינוּ זַ"ל אַז אַ יֶעדֶע סֵפֶר פון סִפְרֵי רַבֵּינוּ זַ"ל אִיז מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ תְּשׁוּבָה און צִיעֶט אִים זֵיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרֵיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה און צוּ דַאוֶוענֶען מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה און צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען זֵיי וֶועגְן דֶעם אִין דִי דָאזִיגֶע טֶעג דִי מֶערְסְטֶע עוֹסֵק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס מִיט אַ יֶעדֶע יְגִיעָה און

טִירְחָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מַטְרִיחַ מִיטְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בַּאשַׁאפְט עֶר זִיךְ מַלְאָכִים, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַ חֵלֶק אִין דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס עֶר אִיז מְעוֹרֵר אָן אַ שִׁיעוּר בַּחוּרֵי חֶמֶד אוּן יוּנְגֶעלַייט צוּ תְּשׁוּבָה.

## ה.

## הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטֶן אִיד

מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַזְמַנִים" וָואס עַל פִּי רוֹב דְרֵייעֶן זִיךְ דִי בָּחוּרִים אַרוּם אוּן זֶענֶען מְבַטֵל דִי צַייט מִיט פִּיסְטֶע זַאכְן זֶעה אַז דוּ זָאלְסְט כָאטְשֶׁע נִישְׁט זַיין צְוִוישְׁן זֵיי, אוּן אוֹיב דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד אֵיינְצוּזִיצְן אוֹיף אֵיין

פְלַאץ זֶעְה דֶעמָאלְטְס צוּ הֶעלְפְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, ווייל מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד קוֹיפְט מֶען זִיךְ אֵיין זֵייעֶר אַסַאךְ מִצְוֹות; די מִצְוַת עַשֵׂה פון "וְאָהַבְתָּ לְרֵיעַךָ כָּמוֹךָ" און די מִצְוַת עַשֵׂה פון "עָזוֹב תַּעֲזוֹב עִמוֹ", און די מִצְוַת עַשֵׂה פון "וְחַי אָחִיךָ עִמוֹ", און אַזוֹי נָאךְ אָן אַ שִׁיעוּר מִצְוֹות וָואס מֶען אִיז מְקַיֵים מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אַ צְוֵוייטְן אִיד. און דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בֵּיי סְתָּם אַ אִיד מְחַזֵק צוּ זֵיין און שְׁטַארְקְן און פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן און אוֹפְצוּלֶעבְן אַ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד, די עִיקָר אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֵיין בְּעַצְלוּת און בְּעַצְבוּת.

און עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה בְּאֵין עֶרֶךְ כְּלַל אַז מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אִין די יֶעצְטִיגֶע טֶעג די טַאטֶע מַאמֶע וָואס דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּמָאלְן און אָפְּצוּשַׁאצְן דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן זְכוּת

דֶערְפוּן וַוייל כִּיבּוּד אָב וָאֵם דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע מִצְוָה - "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת". און וֶועגְן דֶעם, וֶוען די טַאטֶע און די מַאמֶע בֶּעטְן עֶפֶּעס דַארְף מֶען דָאס מְקַיֵים זֵיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע פְרֵייד און טַאנְצְן פון פִיל שִׂמְחָה אַז הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט דִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן דֵיין טַאטֶע מַאמֶע, און אַ יֶעדֶעס מָאל אֵיידֶער דוּ גֵייסְט מְקַיֵים זֵיין דָאס בַּאפֶעל פון דֵיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זָאגְן "לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרוּךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ הִנְנִי הוֹלֵךְ לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנִי וְלִשְׁמוֹעַ בְּקוֹל אָבִי וּבְקוֹל אִמִי" און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּמָאלְן די גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, און כָּאטְשׁ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וֵוייסְן נִישְׁט פון דֶעם און פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי, וָואס הָאסְטוּ אָבֶער מִיט אַ צְוֵוייטְן?! דוּ זֵיי מְקַיֵים וָואס עֶס שְׁטֵייט דָא מִיט אַ תְּמִימוּת און

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

פְּשִׁיטוּת און אַזוֹי וֶועסְטוּ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין דֵיין וֶועג וֵוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד און מֶען זָאגְט אַ יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִיעֶר "לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרוּךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ הִנְנִי הוֹלֵךְ לַעֲשׂוֹת אֶת רְצוֹן קוֹנִי וְלֶאֱהוֹב אֶת כָּל בַּר יִשְׂרָאֵל וְלַעֲזוֹר לוֹ" וֶוערְט דוּרְךְ דֶעם אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים וָואס הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן! נִישְׁט צוּ זַיין קֵיין בַּטְלָן און בִּשְׁעַת דֵיינֶע פְרֵייעֶ צֵייט, וָואס דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלִיפְטֶערְן און אָפְּרוּעֶן, זֶעה אַז דוּ צֵייט זָאלְסְטוּ אוֹיכֶעט אוֹיסְנִיצְן אוֹיף אַזַא סָארְט וֶועג פוּן הֶעלְפְן פַאר אַן אַנְדֶערְן, וָואס מִיט דֶעם קוֹיפְסְטוּ דִיךְ אֵיין אַ יֶעדֶע מִינוּט און אַ יֶעדֶע רֶגַע אַ מִצְוַת עַשֵׂה און דוּ בַּאשַׁאפְסְט מִיט דֶעם מַלְאָכִים – מַלְאֲכֵי מַעֲלָה, וָואס סְ'וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג און

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים 

אַ שָׁעָה אוּן אַ רֶגַע, וָואס דוּ וֶועסְט זַיי זֵייעֶר וִויכְטִיג דַארְפְן הָאבְּן אוּן דוּ וֶועסְט דֶעמָאלְטְס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּהן מֶער אוּן מֶער?! אָבֶּער דֶעמָאלְטְס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט. וֶועגְן דֶעם מֵיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער זוּהן, זֶעה, צוּ הֶעלְפְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין דִי דָאזִיגֶע טֶעג, אוּן נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין קֵיין שׁוּם אִיד, אוּן זֶעה אַז עֶס זָאל חָלִילָה נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֵיין הַאנְט קֵיין שׁוּם מִכְשׁוֹל פַאר אַ צְוֵוייטְן. וֵוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים טוּט אַ יוּנְגֶער בָּחוּרְ'ל אָפּ שָׁאדְנְס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֵוייל עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג אוּן טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט. אוּן דִי בַּטָלָה בְּרֶענְגְט אִים צוּ, צוּ שִׁעֲמוּם אוּן שִׁגָעוֹן (כְּתֻבּוֹת נ"ט.) אוּן עֶר טוּט נַארִישֶׁע זַאכְן, אוּן עֶר טוּט אָן שָׁאדְנְ'ס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶערִיבֶּער זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן, זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְט צוּ גֶעבְּן, אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קֵיין שׁוּם שָׁאדְנ׳ס דוּרְך דִיר פַּאר אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַפִילוּ אוֹיבּ דֵיינֶע חַבֵרִים גֵייעֶן אוּן טוּעֶן יָא אָפּ שָׁאדְנְס פַּאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁן, גֵיי נִישְׁט מִיט זֵיי, אוּן הָאבּ נִישְׁט מִיט זֵיי קֵיין חֵלֶק, נָאר אַנְטְלוֹיף פוּן זֵיי! דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט הָאבְּן אַזֶעלֶכֶע חַבֵרִים וָואס טוּעֶן אָפּ שָׁאדְנְס אוּן הֶזֵיקִים פַּאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן מַאכְן צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פַּאר אַנְדֶערֶע.

אוּן עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה בְּאֵין עֶרֶך כְּלַל, אַז מֶען טָאר נִישְׁט מְצַעֵר זֵיין דִי טַאטֶע מַאמֶע אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, נָאר מְ׳דַארְף זֵיי צִי הֶעלְפְן מִיט אַלֶעם וָואס מֶען קֶען נָאר, סֵיי מִיטְן אָפְּהִיטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן סֵיי מִיט גֵיין אֵיינְקוֹיפְן, אוּן סֵיי מִיטְן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, וָואס פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים וָואס

הִיטְן אָפּ דֶעם מֶענְטְש, אוּן אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט וֶועןְ גֶעוִויסְט וָואסְפַארְאַ מַלְאָכִים דוּ בַּאשַׁאפְסְט זִיך מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט פַאר דֵיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט פַאר אַלְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן פַאר אוּמְגְלִיקְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אָרִימֶעלֵייט, אוּן עֶלְנְדֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְסְטוּ זִיך וֶוען אַסַאך מֶער אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט דָא.

## ו.

### לֶערְנֶען פְלֵייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

מֵיין טֵייעֶרער לִיבֶּער זוּהן! אַפִילוּ דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאך אִיז נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע זַאך דִי תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים וִוי דִי תּוֹרָה וָואס דִי הָאסְט

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר, וֵוייל אַ גַאנְץ יָאר בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אוּן דוּ הָאסְט דָארְט גֶעהַאט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַ מַשְׁגִיחַ וָואס הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִיר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְבַטֵל זַיין דִי צֵייט אוּן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען, אָבֶּער יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים הָאסְטוּ נִישְׁט קֵיינֶער וֶוער עֶס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר, אוּן קֵיינֶער טֵיילְט דִיךְ נִישְׁט אֵיין וָואס צוּ טוּהן, אוּן דֶערִיבֶּער אוֹיב נֶעמְסְטוּ זִיךְ יֶעצְט אִין דִי הֶענְט אַרֵיין אוּן דוּ זֶעצְסְט זִיךְ אַוֶועק לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז עֶס טוֹיזֶענְט מָאל מֶער וֶוערְד וִוי דִי תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט אַגַאנְץ יָאר אִינְטֶער דִי אוֹיפְזִיכְט פוּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבֶה אוּן מַשְׁגִיחַ.

דֶערִיבֶּער זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן! אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אִין דִי יְשִׁיבִישֶׁע וֶועלְט "בֵּין הַזְמַנִים" זִיךְ צוּ בַּאפְלֵייסִיגֶן מֶער אוּן מֶער

אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן נֶעם דִיר פָּאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חָק וְלֹא יַעֲבוֹר אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם, אוּן אַפִילוּ מֶען דַארְף אִין דֶעם בְּאֱמֶת נִזְהָר זַיין אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶער אִין דִי צְוֵויי חַדָשִׁים דַארְף מֶען אַסַאך אַסַאך מֶער נִזְהָר זַיין אִין דֶעם, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל קֶען אַדוּרְךְ גֵיין וָואך נָאך וָואך וָואס מֶען זָאל נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשַׁת הַשָׁבוּעַ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וָואס לְפִי דִבְרֵי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים דַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דֶעם, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) ״לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִבּוּר״ ״אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג מַשְׁלִים זַיין דִי פַּרְשַׁת הַשָׁבוּעַ מִיטְ׳ן צִיבּוּר״ [דָאס הֵייסְט מַעֲבִיר סֶדְרָא זַיין], דֶערְפַאר זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער זוּהן, צוּ לֶערְנֶען אַ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמְשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואך זָאלְסְטוּ הָאבְּן גִיעֶנְדִיגְט דִי

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואך, צְוֵויי מָאל מִקְרָא אוּן אֵיין מָאל תַּרְגוּם מִיט דִי רַשִׁ״י, וָואס דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיג מְסוּגָל פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוּן אַזוֹי זֶעה אוֹיך צוּ לֶערְנֶען אַסַאך מִשְׁנַיוֹת אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וָואס דֶער לִימוּד מִשְׁנַיוֹת דָאס טוּט מוֹרָא׳דִיג אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּן אוֹיסְלוֹיטֶערְן דִי נְשָׁמָה, אוּן דֶערִיבֶּער אַ יֶעדֶע פֶּרֶק אוּן פֶּרֶק וָואס אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אִיז עֶס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַאר זַיין זֶעהְל וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן אוּן אוֹיסְמָאלְן, אוּן דֶערִיבֶּער אוֹיב דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן נָאר דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין מְסַיֵים צוּ זַיין דִי שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אַ יֶעדֶע וָואך, אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, אוּן אַפִילוּ סְ׳זֶעהְט דִיר אוֹיס וִוי וֶוער וֵוייסְט וָואס, עֶפֶּעס אַן אוּמְמֶעגְלִיכֶע זַאך, זָאלְסְטוּ אָבֶּער וִויסְן אַז יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין

הַזְמַנִים וָואס מֶען טוט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, און מֶען בְּרֶענְגְט אָן די צֵייט מִיט הֶבֶל הַבָלִים, קֶען מֶען גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און דוּרְך זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאך אַ פֶּרֶק, און אַ מְסֶכְתָּא נָאך אַ מְסֶכְתָּא, בִּיז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צו עֶנְדִיגְן אַ יֶעדֶע וָואך גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואס די גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת דֶערְפוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צו זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיך זִיך אוֹיסְצוּמָאלְן און אָפְּצוּשַׁאצְן, און כָאטְשׁ אִיך וֵוייס אַז סְ'אִיז דָא אַסַאך מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק דֶערְפוּן, און לַאכְן אָפּ פון דֶעם, זָאלְסְטוּ אָבֶער שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן דֶעם כְּלַל אַז "לַאכְן לַאכְט, דֶער וָואס לַאכְט צוּם לֶעצְט" און מִיט דֶעם וָואס דו וֶועסְט זַיין גֶעוואוֹינְט גוֹרֵס צו זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִין דִיר אַרֵיינְגֵיין אַ חַמִידוּ דְאוֹרֵייתָא אַ חֵשֶׁק צו לֶערְנֶען די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה. און אַפִילוּ דו בּוּסְט נִישְׁט מְיוּשָׁב, און דו כַאפְּסְט נִישְׁט

דָאס לֶערְנֶען, אָבֶּער עַל כָּל פָּנִים מִיטְן ״זָאגְן״ דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סַאך מֹחַ, און מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין סַאך קָאנְצֶעטְרִירְן, דו דַארְפְסְט נִישְׁט מֶער ווִי נֶעמֶען דֶעם מִשְׁנַיוֹת און אָנְהֵייבְּן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און דָאס וֶועט דִיר אויסְרֵיינִיגְן און אויסְלויטֶערְן דֵיין נְשָׁמָה.

און אַזוֹי אויך בֵּיי לִימוּד הַגְמָרָא, וָואס בֵּיי דֶעם אִיז שׁוין דָא אַפָּאר אופַנִים, אֵיין אופָן אִיז אַז דו זָאלְסְט אִיבֶּער חַזֶרְן אַלֶעס וָואס דו הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה דֶעם גַאנְצְן זומֶער זְמַן אָדֶער ווִינְטֶער זְמַן. אָדֶער אַ צְוֵוייטֶע אופָן, אַז דו זָאלְסְט זִיך נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא און עֶס פְּרָאבִּירְן מְסַיֵים צו זֵיין אִין דֶעם חודֶשׁ, אָדֶער אַז דו זָאלְסְט מַמְשִׁיך זֵיין אִין דֵיין טָאג טֶעגְלִיכְן בַּאשְׁטִימְטְן שִׁיעוּר קָבוּעַ וָואס דו לֶערְנְסְט בִּקְבִיעוּת אַ יֶעדְן טָאג. אָבֶּער אֵיך שֶׁהוּא, ווִי אַזוֹי דו

ווילְסְט זיך מְסַדֵר זַיין, זָאלְסְטוּ אָבֶּער זֶעהְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַדוּרְך גֵיין אוֹיף דיר אַ טָאג, אָן דֶעם וָואס דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז אַן הַצְלָחָה נִצְחִית פַארְן מֶענְטְש, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש וָואלְט וֶוען גֶעוְויסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד הַגְמָרָא וָואלְט עֶר זִיך וֶוען מוֹרָאדִיג צוּגֶעפְּלֵייסְט אִין דֶעם. וֵוייל גְמָרָא דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִּיר מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אָפּ דֶעם מֶענְטְש. גַבְרִיאֵ״ל מִיכָאֵ״ל רְפָאֵ״ל אוֹרִיאֵ״ל. וֶועגְן דֶעם זֶעה יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים, אַסַאך מֶער נִזְהָר צוּ זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט אוֹיף דִיר אַרוֹיף בְּרֶענְגֶן אַלֶע מִינֵי לֶעכְטִיגְקֵייטְן, אוּן אַ חַיוּת אוּן דְבֵיקוּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

# די טעג פון בין הזמנים

וואויל פאר דער וואס לאזט זיך בכלל נישט נארן, ווייל אין די יעצטיגע טעג פון בין הזמנים קען מען אניאגן אריינצוכאפן אסאך אסאך דפים גמרא א יעדן טאג. אבער וויאזוי ס׳זאל נאר נישט זיין זעה כאטש נישט צו פארפעלן א דף גמרא רש״י תוספות א יעדן טאג. וואס דאס איז א געוואלדיגע הצלחה פארן נפש פונעם מענטש.

און אזוי אויך זעה צו לערנען אסאך שלחן ערוך ווייל אין די צוויי חדשים פון ניסן און תשרי איז דא אסאך הלכות וואס מען דארף מקיים צו זיין און מען דארף אסאך אסאך צו חזרן די הלכות. למשל אין חודש ניסן איז דא אסאך הלכות פון הלכות פסח וואס מען דארף צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן אין דעם חודש, דעריבער זעה צו נעמען א טור און א שלחן ערוך

און לֶערְן דִיר אַדוּרְך דִי גַאנְצֶע הִלְכוֹת הַחַג מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

און דִי זֶעלְבֶּע זַאך אִיז מִיט דִי טֶעג פוּן תִּשְׁרֵי וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אוֹיך דָא אַסַאך הֲלָכוֹת דִי הִלְכוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און יוֹם כִּיפּוּר, און סוּכּוֹת; דֶערְפַאר אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט זִיך בַּאשְׁטִימֶען אַ שִׁיעוּר אִין טוּר מִיט שֻׁלְחָן עָרוּך, און דוּרְך לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת און זֵיי חַזֶר'ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. און סְ'וָואלְט וֶוען זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיך אַרָאפּ שְׁרֵייבְּן דִי תַּמְצִית און קִיצוּר פוּן דִי אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעווּאוֹינְט צוּ שְׁרֵייבְּן חִידוּשֵׁי תוֹרָה, און סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאך אַזַא חִידוּשֵׁי תוֹרָה לִשְׁמָהּ ווִי וֶוען אֵיינֶער אִיז מְחַדֵשׁ אִין הֲלָכוֹת אוֹיף אַן אוֹפָן דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, וֵוייל לִימוּד הַתּוֹרָה לִשְׁמָהּ מֵיינְט צוּ לֶערְנֶען תוֹרָה עַל מְנַת לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵים און

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אִין ״דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים״ חַזֶרְן אַסַאךְ טוּר בֵּית יוֹסֵף מִיט בַּ״ח, אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט טוּרֵי זָהָב אוּן מָגֵן אַבְרָהָם אוּן נָאךְ אַסַאךְ אַחֲרוֹנִים אוֹיף דִי אַלֶע הַלָכוֹת וָואס זֶענֶען שַׁיָיךְ צוּ דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְשְׁרֵייבְּן אוֹיף אַ הֶעפְט דִי קִיצוּרֵי הַלָכוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס מֶען קֶען נָאר מְחַדֵשׁ זֵיין, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹנֶען צוּ דֶעם וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן דֵיין גַן עֵדֶן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג נָאר דוּ וֶועסְט אַ גַאנְץ יָאר זֵיין פַארְנוּמֶען מִיט מְחַדֵשׁ זֵיין חִידוּשִׁים.

## ז.

### גוּטֶע מִדוֹת

וִויסְן זָאלְסְטוּ מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן! אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא קֵיין שֶׁענֶערֶע זַאך וִוי אֵיינֶער וָואס קוֹיפְּט זִיך אֵיין גוּטֶע מִדוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַצַ"ל הָאט אוּנְז מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַ סֵפֶר וָואס רוּפְט זִיך דֶער "סֵפֶר הָאַלֶף בֵּית", אוּן דָאס אִיז דֶער "סֵפֶר הַמִדוֹת", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ אַז דִי סֵפֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד! וֵוייל בְּאֶמֶת דִי עִיקָר שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז וֶוען עֶר הָאט גוּטֶע מִדוֹת. וֵוייל חֲכָמֵינוּ זַ"ל זָאגְן (מְגִילָה דַף י"ב: ) בְּמִדָה שְׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ - מִיט וָואסְפַארַא מִדוֹת דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיך אוֹיף, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיך אוֹיף צוּ אִים. אוּן דֶערְפַאר זֶעה זִיך אֵיינְצוּקוֹיפְן גוּטֶע מִדוֹת

און זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאך אִין דֶעם סֵפֶר הַמִדוֹת, און זֶעה זִיך אָפְּצוּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וֵוייל בְּדֶרֶך כְּלַל אַ יוּנְגֶער בָּחוּרְ׳ל הָאט אִין זִיך שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, עֶר הָאט אִין זִיך דִי מִדָה פוּן כַּעַס און רְצִיחָה, קִנְאָה און נְקָמָה. און חַזַ״ל הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יוֹמָא כ״ג.) כָּל הַמַעֲבִיר עַל מִדוֹתָיו מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו - וֶוער עֶס הַאלְט זִיך אֵיין און גֶעבְּט נָאך פַּאר אַ צְוֵוייטְן, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶערְפַאר זֶעה אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דֵיינֶע אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, און קוֹיף דִיר אֵיין גוּטֶע מִדוֹת, דַאן וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי סְ׳וֶועט אוֹיף דִיר נִמְשָׁך וֶוערְן אַ שֶׁפַע בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צ.) כָּל מִדוֹתָיו שֶׁל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה - דִי אַלֶע מִדוֹת פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַך וָואס עֶר פִירְט זִיך מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ אִיז מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פִירְט זִיך שְׁטֶענְדִיג מִיטְן

מֶענְטְש, אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְש פִירְט זִיך אוֹיף מִיט אַנְדֶערֶע. און חוּץ פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ אוֹיך וִויסְן אַז אוֹיב דוּ וֶועסְט הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּהן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גוּטֶע שִׁידוּך און אַ יֶעדֶער וֶועט דִיך לִיבּ הָאבְּן און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאך גוּטֶע חֲבֵרִים, אָבֶער פַארְקֶערְט אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וֶועלְן שְׁטֵיין נָאנְט צוּ דִיר.

דֶערְפַאר זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן, זִיך אֵיינְצוּקוֹיפְן גוּטֶע מִדוֹת און גִיבּ שְׁטַארְק אַכְט אוֹיף דִיר נִישְׁט צוּ וֶוערְן ווִילְד און פַארְלִירְן דֵיינֶע מִדוֹת, וּבִפְרַט אִין "דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים". און אַז דוּ הָאסְט זִיך שׁוֹין עֶנְדְלִיך אֵיינְגֶעקוֹיפְט גוּטֶע מִדוֹת אִין יְשִׁיבָה אַ גַאנְץ יָאר און דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דִבְרֵי מוּסָר וְהִתְעוֹרְרוּת פוּן דֵיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה און מַשְׁגִיחַ, זֶעה עֶס נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אַזוֹי גְרִינְגֶערְהֵייט, נָאר

פוּנְקְט פַּארְקֶערְט זֶעה מְתַקֵן צוּ זַיין דֵיינֶע מִדוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט דִיך יֶעדֶער אֵיינֶער לִיב הָאבְּן.

## ח.

## תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

מֵיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער זוּהן! ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז בֵּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז ס׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, אוּן נִישְׁט דֶערְמַאנֶען דֶערְבֵּיי דָאס עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן עֶר הָאט אַלֵיינְס גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר פְלֶעגְט אַסַאך מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס הֵייסְט אַז אוֹיסֶער דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת פוּן שַׁחֲרִית, מִנְחָה, אוּן

מַעֲרִיב, אִיז עֶר גֶעוֶועןְ גֶעווֹאוֹנְט צוּ מַאכְן אַלֵיינְס תְּפִלוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶער אָרְט וָואס סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְטְ׳ן קֵיין מֶענְטְשְׁן, לְמָשָׁל אוֹיף אַ דַאךְ אָדֶער אִין אַ סֶעלֶער, אָדֶער אִין אַ פֶּעלְד אָדֶער אִין אַ וַואלְד, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ׳ן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים מִיט תְּפִלָה אוּן בַּקָשָׁה, דָאס הֵייסְט אַז עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵיין ״מַאמֶע לָשׁוֹן״ אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר זֵיין אֶמֶתְ׳ן גִיטְ׳ן פְרֵיינְד, אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זֵיין טַאטֶען. אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּהן טֶעג אוּן יָארְן צוּ קוּמֶען צוּ זֵיין בַּאשְׁטִימְטֶע אָרְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען פַאר תְּפִלָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן דָארְטְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶן, אוּן רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן אוּן זִיךְ

מִתְחַנֵן זַיין פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און אַפִילוּ סְ'הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אִין אָנְהֵייבּ אַז קֵיינֶער קוקְט נִישְׁט אוֹיף אִים און קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער עַקְשָׁן און עֶר הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּ הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צִיצוּקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען. און דָאס זֶעלְבִּיגֶע וִויל עֶר אוֹיךְ אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז.

און דֶערְפַאר זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן ! נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג אִין "דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים" נָאר בַּאהַאלְט דִיךְ אִין עֶפֶּעס אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, אָדֶער אִין אַ פֶעלְד, אָדֶער אִין אַ וַואלְד, אָדֶער אִין עֶפֶּעס אַ קֶעלֶער, און גִיס דִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיט שִׂיחָה און תְּפִלָּה פַארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, און זָאלְסְט זַיין אִין

דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִיך אוֹיסְצוּרֶעדְן אוּן צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַדוּרְך אוֹיף דִיר פַּארְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן כָאטְשׁ עֶס וֶועט פַּאר דִיר זֵיין אִין אָנְהֵייבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער וֵוייל עֶס וֶועט זִיך דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיך נִישְׁט אוֹיס, אוּן דוּ רֶעדְסְט צוּם וַואנְט זָאלְסְטוּ אָבֶּער וִויסְן אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי כְּפִירוּת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת וָואס עֶס אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיר, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִדוֹת (אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ״ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם – דָאס זִינְד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דָאס בְּרֶענְגְט אַרֵיין כְּפִירָה אִין דֶעם מֶענְטְשׁ. וֵוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוערְט פוּן אִים אִינְגַאנְצְן פַארְהוֹילְן דִי אֱמוּנָה אַז סְ׳אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, בִּיז עֶס דַאכְט זִיך אִים אוֹיס אַז מֶען דַארְף אִים אִינְגַאנְצְן נִישְׁט הָאבְּן, אוּן פוּן

# די טֶעג פוּן בֵּין הַזְּמַנִּים

דֶעם קוּמְט דָאס וָואס יוּנְגֶע בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין דִי גַאסְן אוּן רֶעדְן אוּן פְּלוֹידֶערְן אַלֵע מִינֵי דְבָרִים בְּטֵלִים, אוּן לָשׁוֹן הָרָע׳ס מִיט רְכִילוּת אוּן לִצָנוּת, אוּן גֵייעֶן צוּ אַלֶע דֶעמָאסְטְרַאצִיעֶס אוּן צוּ אַלֶע מִינֵי פַארְזַאמְלוּנְגֶען, אוּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן צוּ אַלֶע בָּתֵּי תֵּאַטְרָאוֹת אוּן קוּרְקָסָאוֹת אוּן בְּרֶענְגְן אָן זֵייעֶר טֵייעֶרֶע צֵייט. אָבֶער דוּ, מֵיין לִיבֶּער זוּהן אוֹיב וֶועסְטוּ בְּאֶמֶת הָאבְּן שֵׂכֶל קֶענְסְטוּ דֵייקָא אִין דִי צְוֵויי חֲדָשִׁים פוּן נִיסָן אוּן תִּשְׁרֵי, וָואס זֵיי זֶענֶען טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן תְּשׁוּבָה מִיִרְאָה, זוֹכֶה זֵיין צוּ יַרְשֶׁנֶען דֶעם עוֹלָם הַבָּא דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן זִיךְ צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶער אָרְט וִוי ס׳אִיז נִישְׁטָא דָארְט קֵיין מֶענְטְשְׁן, אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס דְרִיקְט

דִיר אוֹיפְן הַארְצְן אוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַדוּרְך זָאלְסְטוּ אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַּאר אִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ בַּאלִיבְּט קִינְד דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַּארְן טַאטֶען אוּן זָאלְסְט וֵויינֶען אוּן זִיך אוֹיסְבֶּעטְן בֵּיים אֵייבֶּערְשְׁטֶן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן שׁוֹינֶען אוֹיף דִיר, אוּן דִיך אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֵיין בְּלָאטֶע אוּן פוּן דֵיין שְׁמוּץ וָואס דוּ בִּיסְט אִין דֶעם אַרֵיינְגֶעפַאלְן, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זֵיין בֵּיי דִיר גְרִינְג דָאס וָואס אִיך זָאג דִיר דָא, נָאר דוּ זָאלְסְט זֵיין זֵייעֶר גֶעוואוֹינְט מִיט דִי עֲבוֹדָה צוּ בֶּעטְן אַסַאך דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיך זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן אַסַאך תְּהִלִים, אוּן אוֹיב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זֵיין מְסַיֵים צוּ זֵיין דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר תְּהִלִים אַ יֶעדְן טָאג מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת, אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאך פוּן דֶעם, וֵוייל דִי טֶעג פוּן נִיסָן אוּן תִּשְׁרֵי זֶענֶען טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, אוּן תְּשׁוּבָה

מִירְאָה, אוּן אַלֶע הִימְלֶען זֶענֶען דֶעמָאלְטְס אָפֶען פַאר דִיר, אוּן כָאטְשׁ אִיך וֵוייס אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת אוּן פְּגָמִים, אוּן דוּ בִּיסְט בֵּיי דִיר צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר, דַארְפְסְטוּ אָבֶער צוּ וִויסְן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זֵייט אַז דֵייקָא יֶעצְט אִיז דִי צֵייט וָואס עֶס וֶועט נִתְקַבֵּל וֶוערְן דֵיינֶע תְּפִלוֹת, וֵוייל חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ״ג) מִי שֶׁדַעְתּוֹ שְׁפֵלָה אֵין תְּפִלָּתוֹ נִמְאֶסֶת - וֶוער ס'אִיז בֵּיי זִיך אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן טוּט מֶען נִישְׁט פַארְמִיאוּסְן זֵיינֶע תְּפִלוֹת וֵוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִים נ״א) לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה - אַ צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן אַ צוּקְלַאפְּטֶע הַארְץ טוּט הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען. אוּן וֶועגְן דֶעם זֶעה זִיך צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי אוֹפַנִים שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן

שְׁמוּעֶס דיך אוֹיס און רֶעדְט זיך אוֹיס פַאְרן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים דַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיט דִי שְׁפְּרַאך וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוואוֹנְט מִיט דֶעם צוּ רֶעדְן, און כָאטְשׁ עֶס וֶועט דִיר אָנְקוּמֶען אִין אָנְהֵייבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער וֵוייל עֶס וֶועט זיך דִיר דַאכְטְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל דִיך נִישְׁט הָאבְן, און דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג און קֵיין שׁוּם תַּקָנָה, זָאלְסְטוּ אָבֶער נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף דֶעם אַלֶעם, נָאר זָאלְסְט וִויסְן אַז דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ מְנִיעָה וָואס קוּמְט דִיך שְׁטֶערְן פוּן דֶעם דָאזִיגְן הֵיילִיגְן עֲבוֹדָה. און אוּנְזֶערֶע חַזַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת בְּשַׁלַח) אֵין הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ לְחַייֵב בְּרִיָה, אֶלָא מְבַקֵשׁ שֶׁיִתְפַּלְלוּ הַבְּרִיוֹת לְפָנָיו וִיקַבְּלֵם – הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וִויל נִישְׁט בַּאשִׁילְדִיגְן קֵיין שׁוּם בְּרִיָה, עֶר וִויל נָאר אַז מֶען זָאל מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים און עֶר וֶועט גְלֵייך אָנְנֶעמֶען; און נָאך זָאגְן

אוּנְזֶערֶע חֲזַ״ל (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת וַיֵּרָא) הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי אִידְן: אִיר זָאלְט זַייעֶר נִזְהָר זַיין אִין תְּפִלָּה וַוייל סְ׳אִיז נִישְׁטָא קֵיין שֶׁענֶערֶע מִדָּה פוּן דֶעם אוּן דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת, אוּן אַפִּילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי אַז עֶר זָאל גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוערְן מִיט זַיין תְּפִלָּה אוּן מֶען זָאל טָאן מִיט אִים חֶסֶד, אוֹיבּ אָבֶער אִיז עֶר מַרְבֶּה בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים [דָאס הֵייסְט עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף פוּן צוּ בֶּעטְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ] טוּה אִיךְ מִיט אִים אוֹיךְ חֶסֶד!

אוּן דֶערְפַאר מֵיין טַייעֶרֶע לִיבֶּער זוּהן! אַזוֹי וִוי סְ׳אִיז דָאךְ אוֹיף דִיר אַדוּרְךְ גֶעלָאפְן אַגַאנְצֶע יָאר אוּן אַגַאנְצֶע זְמַן, - דִי וִוינְטֶער זְמַן, אָדֶער דִי זוּמֶער זְמַן, אוּן סְ׳אִיז אוֹיף דִיר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם זְמַן וָואס סְ׳אִיז אוֹיף דִיר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, דֶערִיבֶּער זֶעה אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם בֵּין הַזְמַנִים מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

זִיךְ אוֹיסְצוּבַּאהַאלְטְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶער אָרְט וִוי קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, אוּן זָאלְסְט דָארְטְן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעטְן אוּן זִיךְ מִתְחַנֵן זַיין בֵּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין זִיךְ אֵיינְצוּקוֹיפְן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן נִתְעַלֶה צוּ וֶוערְן אִין תּוֹרָה אוּן זוֹכֶה זַיין חַתוּנָה צוּ הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט, וַוייל דִי תְּפִלוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וָואס אַ יוּנְגֶער בָּחוּר׳ל בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בֵּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וּבִפְרַט וֶוען עֶר לֵייגְט צוּ טְרֶערְן צוּ דִי תְּפִילוֹת וֶוערְט עֶס גָאר שְׁטַארְק אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל, וַוייל דוּ וֶוערְסְט נָאךְ בְּאֶמֶת גֶערֶעכְנְט וִוי אַ תִּינוֹק אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זַיין הֶבֶל פִּיו אִיז אָן אַ חֵטְא, וַוייל אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז מֶען נִישְׁט דַן אַ בָּחוּר נָאר פוּן דִי צְוָואנְצִיג יָאר אוּן הֶעכֶער. וֶועגְן דֶעם זֶעה מֵיין טֵייעֶרֶע גֶעלִיבְּטֶער זוּהן צוּ

פַארְבְּרֶענְגֶן אַסַאך אִין דִי דָאזִיגֶע טֶעג אִין פֶּעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער אוּן אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים אוּן גִיס דִיך דָארְטְן אוֹיס דֵיין הַארְץ פַאר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת, דֶעמָאלְטְס דַייקָא וֶועסְטוּ זוֹכֶה זֵיין צוּצוּקוּמֶען צוּ וָואס דוּ דַארְפְסְט צוּ דֶערְגְרֵייכְן דָא בְּזֶה הָעוֹלָם, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זֵיין זִיך מַשְׁלִים צוּ זֵיין אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן חַתּוּנָה הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט.

## ט.

## אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים

דוּ דַארְפְסְט צוּ וִויסְן מֵיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער זוּהן! אַז דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט אֵיינְקוֹיפְן נָאר מִיט אַ חֲבוּרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ בָּחוּר זוּכֶען גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען זִיך צוּ בַּאהֶעפְטְן. אוּן אַזוֹי אוֹיך זִיך זֵייעֶר

זֵייעֶר אָפּצוּהִיטְן פון שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וֵוייל אַ גוּטֶער חָבֶר וֶועט דיך צִיעֶן צוּ דִי תּוֹרָה און צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, און פַּארְקֶערְט אַ שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר קֶען דִיך אַרָאפּ שְׁלֶעפְּן צוּ אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם ״דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפּהִיטְן״״ און דֶערְפַאר זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן פֶּרֶק כ״ט) אֵין חָבֵר נִקְנֶה אֶלָא בְּקַשִׁי קַשִׁיִים – אַ חַבֶר קֶען מֶען נִישְׁט קוֹיפְן נָאר מִיט גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס קוּמְט אָן אַזוֹי גְרִינְג צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטְן חַבֶר. וֵוייל דֶער אֶמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבֶר, זִיך צוּ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין, און שְׁטַארְקֶן אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע צוּ גֵיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, און צוּזַאמֶען אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אַזוֹי ווי חַזַ״ל זָאגְן (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ד׳) תַּלְמִידֵי חֲכָמִים נָאִים בַּחֲבוּרָה וְאֵין עַמֵי הָאַרָצוֹת נָאִים בַּחֲבוּרָה - תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֶענֶען שֵׁיין וֶוען זֵיי

הַאלְטְן זִיך צוּזַאמֶען מִיט אַ חֲבוּרָה, אָבֶער עַמֵי הָאַרַצִים זֶענֶען נִישְׁט שַׁיין וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען מִיט אַ חֲבוּרָה, וַוייל וֶוען סְ'אִיז דָא גוּטֶע חֲבֵרִים צוּזַאמֶען אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, אַנְדֶערְשְׁט אִיז אָבֶער אַז מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע חַבֵרִים שְׁלֶעפְּן זֵיי דִיך אַרָאפּ בִּיזְ'ן שְׁאוֹל תַּחְתִּיוֹת אוּן נָאך טִיפֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וֶועגְן דֶעם בֶּעהְט אִיך דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מֵיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער זוּהן! אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע חַבֵרִים וָואס טוּעֶן אַלֶע סָארְטֶן וִוילְדֶע זַאכְן, זֵיי דְרֵייעֶן זִיך אַרוּם אִין דִי גַאסְן אוּן רֶעדְן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע רֵייד פוּן זֵייעֶר מוֹיל, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, אוּן נִיבּוּל פֶּה, "אַנְטְלוֹיף פוּן זֵייעֶר חֲבוּרָה", וַוייל זֵיי וֶועלְן דִיר אַרָאפּ נִידֶערְן בִּיזְן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן נָאך טִיפֶער "הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ", אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דִי גַאנְצֶע

תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אֵיינְגֶעקוֹיפְט בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר קֶענְסְטוּ אוֹיךְ פַארְלִירְן אִין אֵיין סְקוּנְדֶע דוֹרְךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וּבִפְרַט אִין דִי הֵיינְטִיגֶע צֵייטְן, וָואס דִי גַאסְן זֶענֶען גֶעפֶערְלִיךְ הֶפְקֵר אוּן ס׳דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַלֶע מִינֵי גְרָאבֶּע יוּנְגֶען אוּן לֵיידִיגְ-גֵייעֶר׳ס אוּן פָּגוּם׳דִיגֶע בָּחוּרִים, דַארְפְּסְטוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר חֲבוּרָה אוּן חָלִילָה נִישְׁט גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן דְרָכִים. נָאר אַנְטְלוֹיף צוּ חֲבֵרִים יִרְאֵי הַשֵׁם אוּן צוּזַאמֶען זָאלְט עֶטְץ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אוּן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן רֶעדְן צוּזַאמֶען פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זָאלְסְט זֶעהְן זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ חֲבוּרָה פוּן לֵצִים וָואס דָאס טוּט אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְרֵייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת פוּן דִי וָואס גֵייעֶן אוּן דְרֵייעֶן זִיךְ

# דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים

אַרוּם אִין דִי הוֹיפְן פוּן דִי צַדִיקִים כְּדֵי צוּ מַאכְן פוּן זֵיי לְצֵי לִצָנוּת, אוּן רֶעדְן אוֹיף יֶעדְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן מַנְהִיג אַלֶע מִינֵי שְׁלֶעכְטְס, פוּן זֵיי זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אַזוֹי וִוי דוּ אַנְטְלוֹיפְסְט פוּן פֵייעֶר, וֵוייל זֵיי וֶועלְן דִיך פַארְבְּרֶענֶען אִינְגַאנְצְן.

אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעהְט אִיך דִיר זֵייעֶר מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּהן! בַּאהֶעפְט דִיך נָאר צוּ גוּטֶע חַבֵרִים יִרְאֵי הַשֵׁם יִתְבָּרַך אוּן לֶערְן דִיך אָפּ פוּן זֵייעֶרֶע גוּטֶע וֶועגְן וִויאַזוֹי זֵיי פִירְן זִיך אוֹיף, אוּן זָאלְסְט צוּקוּקֶען וִויאַזוֹי זֵיי לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ אוֹיכֶעט מַצְלִיחַ זֵיין אִין דֵיין וֶועג.

## י.

### אַ יְשִׁיבָה בָּחוּר

דוּ דַארְפְסְט צוּ וִויסְן מֵיין טֵייעֶרער לִיבֶּער זוּהן! אַז יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְמַנִים, דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֵיין אוֹיפְפִירִינְג, וֵוייל אַ יֶעדֶער קוּקְט דִיךְ נָאךְ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וְויאַזוֹי דִי פִירְסְט זִיךְ אוֹיף, וֵוייל אַ יְשִׁיבָה בָּחוּר דַארְף צוּ זֵיין אַ סֶעמְפְּל פַאר דִי גַאנְצֶע הוֹיז-גֶעזוּנְט אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט, אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמִדְרָשׁ.

אוּן דֶערְפַאר זֶעה מֵיין טֵייעֶרער לִיבֶּער זוּהן, צוּ פַארֶעכְטְן דֵיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן מִיט דֵיינֶע מִדוֹת אוּן מִיט דֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֶעבּ שְׁטַארְק אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן חוּצְפָּ׳דִיג צוּ קֵיין שוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט,

נָאר זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אַ יֶעדֶעם אֵיינֶעם מִיט אַ גְרוֹיס דֶרֶך אֶרֶץ, וָואס דָאס אִיז דִי מִדָה פוּן אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה, אוּן אַזוֹי אוֹיך זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן וָוארְט בֵּיי וָוארְט פוּן אַ סִידוּר מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אוּן אִיבֶּער חַזְרְ'ן אַלֶע לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַגַאנְץ יָאר, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶן אַז יֶעצְט קוּקְט מֶען דִיך זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאך, וֵוייל אַ יְשִׁיבָה בָּחוּר דַארְף צוּ זֵיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶער סֶעמְפְּל מִיט זֵיין הִתְנַהֲגוּת וִויאַזוֹי עֶר פִירְט זִיך אוֹיף, אוּן אוֹיב פִירְט עֶר זִיך אוֹיף גוּט אוּן פֵיין, דֶעמָאלְטְס זָאגְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף אִים "וואוֹיל פַאר דִי טַאטֶע מַאמֶע וָואס הָאבְּן אִים גֶעבּוֹירְן, אוּן וואוֹיל פַאר זֵיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה". אוּן פַארְקֶערְט אוֹיב פִירְט עֶר זִיך נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס בַּאדַארְף צוּ זֵיין,

פַארְשֶׁעמְט עֶר זַיין טַאטֶע מַאמֶע און זַיין רֶבִּי, וַוייל אַיֶעדֶער זָאגְט אוֹיף אִים "וַויי פַאר דִי טַאטֶע מַאמֶע וָואס הָאבְּן אִים גֶעבּוֹירְן, און וַויי פַאר דִי רֶבִּי וָואס הָאט אִים אַזוֹי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט", דֶערְפַאר דַארְפְּסְטוּ צוּ וִויסְן מַיין לִיבֶּער קִינְד אַז דוּ דַארְפְּסְט צוּ זַיין יֶעצְט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע דוּגְמָא פַאר דַיין גַאנְצֶע סְבִיבָה, און אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין און אֵיינְגֶענֶעם, דַאן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען און דַיין גוּטֶער נָאמֶען וֶועט גֵיין פַאר דִיךְ, און אַלֶע וֶועלְן זִיךְ וֶועלְן בַּאהֶעפְטְן און חַבֶרְ'ן מִיט דִיר. און דֶערִיבֶּער זֶעה מֵיין לִיבֶּער קִינְד וָואס עֶס שְׁטֵייט דָא פַאר דִיר. און זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן וָואס עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהן, (מַסֶכֶת עֵדִיוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ז') מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ - דֵיינֶע אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן דִיךְ מְקַרֵב זַיין, און דֵיינֶע אֵייגֶענֶע

מַעֲשִׂים וֶועלְן דיך מְרַחֵק זַיין, וַוייל אַלֶעס וֶועט זיך וֶוענְדְט
אִין דִיך אַלֵיינְ׳ס, אוּן אוֹיבּ וֶועסְטוּ מְקַיֵים זַיין וָואס עֶס
שְׁטֵייט דָא גֶעשְׁרִיבְּן, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין
אִין דֵיין וֶועג, אוּן עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין דֵיין גַאנְץ
לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְּצִיעֶן אוֹיף דִיר דָאס
זִיסְקֵייט אוּן דָאס אֵיינְגֶינֶעמְקֵייט אוּן דָאס שַׁיין פוּן
דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דֶער
גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְש, סַיי אוֹיף דֶער וֶועלְט! אוּן סַיי
אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!

"תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם"

סגולה גדולה ותיקון הכללי לומר עשרה מזמורי תהלים אלו:

ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ, ק"ה, קל"ז, ק"נ.